**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 3/31/2023 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול גיבט ארויס מעלדונג פייערנדיג טראנסדזשענדער טאג פון זעהבארקייט**

***סטעיט'ס וויכטיגע סטרוקטורן צו באלאכטן ווערן אין פייערונג פון טראנסדזשענדער טאג פון זעהבארקייט***

***גאווערנער גיבט ארויס [ווידעאו מעסעדזש] ווידערהאלנדיג ניו יארק סטעיט'ס פארפליכטונג צו שטיצן טראנסדזשענדער, נישט-ביינערי מענטשן און אזעלכע וועלכע האלטן זיך נישט צו איין דזשענדער***

***לייענט די טראנסדזשענדער טאג פון זעהבארקייט פראקלאמאציע [דא]***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט ארויסגעגעבן א פראקלאמאציע דעקלערנדיג מערץ 31, 2023 אלץ טראנסדזשענדער טאג פון זעהבארקייט (דעי אָוו וויזיביליטי), פייערנדיג די טראנס קאמיוניטי אין ניו יארק סטעיט און אריבער דאס לאנד. די גאווערנער האט אויך אנאנסירט אז ניו יארק סטעיט'ס וויכטיגע סטרוקטורן וועלן באלאכטן ווערן אין פינק, ווייס און לייכט בלוי היינט נאכט, מערץ 31, אין פייערונג פון די טראנסדזשענדער טאג פון זעהבארקייט.

"אין די צייט וואס געזעצגעבער ארום אונזער לאנד אטאקירן די רעכטן פון טראנסדזשענדער מענטשן, בלייבט ניו יארק סטעיט פעלזן פעסט מיט אונזער פארפליכטונג צו באשיצן די קאמיוניטי דא און ארום די ערד קוגל," **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "היינט און יעדן טאג, איז מיין מעסעדזש צו די טראנסדזשענדער, נישט-ביינערי מענטשן און אזעלכע וועלכע האלטן זיך נישט צו איין דזשענדער (נאנ-קאנפארמינג) קאמיוניטי דאס: מיר זעהען אייך, מיר שעצן אייך, און מיר נעמען אייך אן אין ניו יארק נישט קיין חילוק וואס."

די גאווערנער'ס ווידעאו מעסעדזש לכבוד די טראנסדזשענדער טאג פון זעהבארקייט קען געזעהן ווערן [דא].

די וויכטיגע סטרוקטורן וועלכע וועלן באלאכטן ווערן אין פייערונג פון טראנסדזשענדער טאג פון זעהבארקייט רעכענען אריין:

- WTC 1
- גאווערנאר מאריאו מ. קאומאו בריק
- קאַסיאָסקאָו בריק
- די ה. קארל מעקאל SUNY געביידע
- סטעיט עדזשוקעישען געביידע
- אלפרעד ע. סמיט סטעיט אפיס געביידע

- עמפייער סטעיט פלאזא
- סטעיט פעירגראונדס - הויפט אריינגאנג טויער און עקספא צענטער
- ניאגארא וואסערפאלן
- דער "פראנקלין ד. רוזוועלט" מיד-האדסאן בריק
- אלבאני אינטערנאציאנאלע לופטפעלד אריינגאנג
- דער לעיק פלאסיד אלימפישע צענטער
- MTA LIRR - מזרח זייט טויערביי פען סטאנציע
- פעירפּאָרט ליפט בריק העכער די ערי קאנאל
- מויניהאן באן האל

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418